# דער רוסישער מיטאָס פֿון דעם „גרויסן נצחון” און אוקראַיִנע

## מחבר: איליאַ לעווטשענקאָ, קונסט־היסטאָריקער, איבערגעזעצט פֿון נאַטאַליע סליפּענקאָ אויף ענלגיש און פֿון ש.צ. פֿון דעם ענגלישן אויף ייִדיש

איך בין אויפֿגעוואָקסן אין אַן אומאָפּהענגיקער אוקראַיִנע. און דאָך, יעדן 9טן מײַ, האָבן מײַנע קלאַס־חבֿרים און איך געמוזט גיין אויף אַ פּאַראַד לכּבֿוד דעם נצחון־טאָג פֿון די סאָוועטן אין דער "גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה (1941־1945). ווי עס מאַכט זיך האָבן די פּאַראַדן שטענדיק כּולל געווען אַ קאָנצערט מיט די זעלבע לידער. די „[נצחון־לידער](#)” זײַנען געשריבן געוואָרן נאָך אין די סאָוועטישע צײַטן, אָבער מע האָט זיי נאָך אַלץ געזונגען אַפֿילו נאָך דעם צעפֿאַלן זיך פֿון דעם פֿסס”ר איבער דעם גאַנצן „נאָכסאָוועטישן שטח”.

די לידער זײַנען אַ טייל פֿון דעם מיטאָס פֿון דעם „גרויסן נצחון” וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע הויפּט־קאָנסטאַטירונגען:

1) בײַ אַלע סאָוועטישע מענטשן, איז די מלחמה אָנגערופֿן געוואָרן „די גרויסע פֿאָטערלענדישע מלחמה”, און „סאָוועטישע מענטשן” הייסט דאָ די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זינט 1941.

2) דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַליין האָט געראַטעוועט די וועלט פֿון דעם בלוטדאָרשטיקן פֿאַשיזם.

3) דער „נצחון” איז געקומען די סאָוועטן און נאָר די סאָוועטן און דעריבער זײַנען זייערע אַרויסזאָגן, דעקלעראַציעס און מעשׂים אומטעותדיק.

מאָלערײַען, ליטעראַטור און געשיכטע האָבן אויך ראָמאַנטיזירט די מלחמה און האָבן אויסגעמאָלן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און זײַן באַפֿעלקערונג ווי זיגערס. די באַמיִונגען האָבן געשטאַרקט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנדס טאָטאַליטאַרישן רעזשים וואָס האָט געהערשט איבער כּמעט גאַנץ צענטראַל־ און ־מיזרח־אייראָפּע.

די „דענאַציפֿיקאַציע” פֿון אוקראַיִנע איז איינע פֿון די פּריאָריטעטן פֿון פּוטינס אַזוי־גערופֿענער „ספּעציעלער אָפּעראַציע” וואָס איז אין דער אמתן רוסלאַנדס מלחמה אויף אוקראַיִנע אויפֿן גאַנצן מאַשטאַב. די אידעע אָבער איז אויך נישט באַזירט אויף קיין שׂכלדיקע טענות וואָס וואָלטן באַשטעטיקט די עסקאַלאַציע פֿון עקסטרעם־רעכטע באַוועגונגען אין אוקראַיִנע, נאָר אויסשליסלעך אויף דער פֿאַרקרימונג פֿון דער געדענק־קולטור אַרום דער צווייטער וועלט־מלחמה — די פֿאַרברייטערונג פֿון דעם מיטאָס פֿון דעם „גרויסן נצחון”.

דער אמת איז אַז די „קינסטלעך געמאַכטע“ מיטישע אידעען זײַנען שוין אַ לאַנגע צײַט געלעגן אונטער דער אידעע פֿון דער גרויסקייט פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און דעם „סאָוועטישן מענטש”, סײַ אין רוסלאַנד סײַ אינעם מערבֿ. ווען איך בין געווען אין אויסלאַנד און געזאָגט אַז איך בין אַן אוקראַיִנישער בירגער, האָבן מענטשן „ברייטהאַרציק” גענומען רעדן צו מיר אויף רוסיש, אָן קיין שום ספֿק אַז איך קען די שפּראַך און מוז זיך פֿילן עקסטאַטיש צו הערן ווי זיי זאָגן „ספּאַסיבאָ” (אַ דאַנק). זיך פֿילנדיק געטראָפֿן פֿלעג איך זיך באַמיִען צו געפֿינען העפֿלעכע ווערטער צו געבן צו פֿאַרשטיין אַז אין אוקראַיִנע רעדט מען אוקראַיִניש און אַז קאָנטאַקט מיט דער רוסישער שפּראַך איז מיר טאַקע טראַוומאַטיש. מײַנע מיטשמועסערס האָבן מיך ווײַטער דערשטוינט מיט זייער געאָגראַפֿיש וויסן, „אַך, דאָס איז דאָך רוסלאַנד! מיר האָבן ליב און האָבן דרך־ארץ פֿאַר רוסלאַנד!”

אויף דעם סאַמע אַבסורדאַלסטן און איראָנישסטן אופֿן האָט פּוטינס רוסלאַנד גענומען עקספּלואַטירן דעם נצחון־מיטאָס צו דיסקרעדיטירן מעגלעכע נאַציאָנאַלע פּאָליטיקן  פֿון אומאָפּהענגיקע לענדער געשאַפֿענע נאָך דעם אונטערגאַנג פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער איינציקער (אַליין־פּראָקלאַמירטער) „יורש” (אויף דעם טיפּיש קאָלאָניאַלן שטייגער) פֿון אַלצדינג סאָוועטיש  איז געווען רוסלאַנד. אויסניצנדיק דעם נצחון־מיטאָס לטובֿת זיך אַליין האָט רוסלאַנדס פּרעזידענט [פּוטין](#)

געזאָגט, „מיר [רוסלאַנד] וואָלטן געוווּנען, אַפֿילו אָן אוקראַיִנע”. און דער זאָג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלאָרער. בשעת אַ וואַקסנדיקע צאָל אוקראַיִנער זײַנען געווען גרייט זיך אַרײַנצוטראַכטן אין זייער עבֿר („מער קיין מאָל נישט”), פֿאַר דעם רובֿ רוסן איז „די סאָוועטישקייט” אַ טייל פֿון דעם איצטיקן מאָמענט („פֿאַר וואָס דאָס ניט אײַנפֿירן נאָך אַ מאָל?”). אַנקעטעס ווײַזן אַז אַלץ מער און מער רוסן געטרויען (דעם טויטן) סטאַלין און שטיצן פּוטינס מעשׂים — ער געניסט פֿון אַפּראָבירונג־אָפּשאַצונגען ביז 83%.

ווי אַזוי האָט רוסלאַנד באַוויזן משפּיע צו זײַן אויף די געוועזענע סאָוועטישע רעפּובליקן? אין אַלע לענדער וואָס האָבן באַקומען פּאָליטישע אָבער נישט פּסיכאָלאָגישע פֿרײַהייט איז דער פּסס”ר געבליבן אין די נעמען פֿון גאַסן, סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־מאָנומענטן און קבֿרים פֿון אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן, אַפֿילו אין ערטער ווּ קיין סאָלדאַטן זײַנען באמת נישט געשטאָרבן. די „אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן” האָבן נישט קיין רעכט צו אַ נאָמען אָדער צו אַ נאַציאָנאַליטעט. זיי האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אָנגרענעצדיקן גוף פֿון דעם היימלאַנד, פֿאַר וועלכן זיי האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס.

רוסלאַנד האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען יעדן פּרוּוו מצד אַנדערע לענדער איבערצופֿירן מאָנומענטן אָדער קבֿרים פֿון אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן צו בית־עולמס ווי אַ פּאַטש אין פּנים, רוסאָפֿאָביע, און אַ פֿאַרלייקענונג פֿון דער העלדישקייט פֿון דעם רוסישן פֿאָלק —עפּעס, מער ניט סאָוועטיש. רוסישע פֿונקציאָנערן האָבן באַשולדיקט רעגירונגען פֿון לענדער ווּ מע האָט פֿירגעלייגט אַזאַ מין איבערפֿירונג אָדער לכל־הפּחות נײַע אַרטיסטישע אינטערפּרעטאַציע פֿון מאָנומענטן, אין נאַציאָנאַליזם און פֿאַשיזם. לעטלאַנד, ליטע, עסטלאַנד, פּוילן, אוקראַיִנע צווישן אַנדערע לענדער האָבן זיך אַלע אָנגעטראָפֿן אויף אַזאַ אָפּרוף. דער בלויז צווישן די עקסיסטירנדיקע רוסישע טעריטאָריעס און די וואָס ווערן אָקופּירט פֿון רוסלאַנד ווערט דערקלערט אויף זייער אַן אַרכאַיִשן אופֿן: מע רעדט וועגן באַשיצן די רעכט פֿון „רוסיש־רעדערס”. דאָס זעט זיך קלאָר אָן אין דעם געזעץ־אָנוואַרף וואָס איז לעצטנס אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער רוסישער דומע וואָס לייגט פֿאָר אַז מע זאָל אָנערקענען אַלע וואָס רעדן רוסיש, געהערן צו איינעם פֿון די פֿעלקער וואָס „וווינען היסטאָריש אויף דער רוסישער טעריטאָריע”, ווי אויך מענטשן „וועמענס דירעקטע אָבֿות זײַנען געבוירן געוואָרן אָדער האָבן געוווינט אויף דער טעריטאָריע פֿון דער רוסישער פֿעדעראַציע” ווי רוסישע קאָמפּאַטריאָטן.

יעדער בירגער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז געווען אין גאַנצן אָן כּוח אַנטקעגן דער מאַכט פֿון דעם קאָלעקטיוו און פֿון דער מלוכה. עס איז אַזאַ איינעם אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן צו פֿאַרלאָזן דעם פֿאַרבאַנד צוליב דער טאָטאַלער מאַכט פֿון דעם קאָלעקטיוו. אויסער דעם שטח פֿילן מענטשן אַז זיי טראָגן דאָס אַחריות פֿאַר זייערע  מעשׂים און זיי ווענדן אָן קריטיש טראַכטן אין שייכות מיט זייערע ברירות און אומשטאַנדן. ווּ אָבער דער קאָלעקטיווער רעזשים אָפּערירט, ווערט דאָס אַחריות אָדער אַפֿילו נישט דערמאָנט אָדער זייער באַקוועם איבערגערוקט אויף איין יחיד. די מעגלעכע עלימינירונג פֿון דעם יחיד איז דעריבער אַ פֿאָרמע פֿון זיך־פּרעזערווירונג און זיך־רעפּראָדוקציע פֿאַר דעם טאָטאַליטאַרישן רעזשים, וואָס האָט ווײַטער אָנגעהאַלטן אַפֿילו נאָך סטאַלינס טויט, און אַפֿילו נאָך דעסטאַליניזאַציע.

במשך די לעצטע וואָכן האָט די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון דעם סאָוועטישן מענטש געקלונגען זייער באַקאַנט אין די „פּאָסטס” פֿון מאָדערנע רוסישע בלאָגערס וואָס האָבן מיליאָנען לייענערס. זיי מאַכן עס אַוועק מיט דער האַנט אויף אַ קינדערישן אופֿן. „מיר זײַנען קליינע מענטשן; מיר קענען גאָרנישט נישט טאָן” „די קונסט און די קולטור זײַנען מחוץ דער פּאָליטיק”. ביידע אַרויסזאָגן קען מען אויסטײַטשן מיט דעם מיין „ מיר ווילן נישט טראַכטן וועגן עטישע ברירות”, אָדער „מיר זײַנען נישט צוגעוווינט צו טראָגן דאָס אַחריות און וואָלטן דאָס בעסער אין גאַנצן אויסגעמיטן”.

רוסישע בירגערס האָבן אָבער געהאַט אַ סך צײַט צו קלערן וועגן די זאַכן. רוסלאַנדס אַגרעסיע קעגן אוקראַיִנע האָט זיך אָנגעהויבן נישט מיט אַ חודש צוריק, נײַערט אין 2013, ווי אַן אָפּרוף אויף די געשעענישן אין אייראָמײַדאַן, ווּ אוקראַיִנער האָבן געוויזן אַז זיי ווילן אייראָפּעיִשע אינטעגראַציע. אַפֿילו דעמאָלט איז אָפֿט דערמאָנט געוואָרן אַז אוקראַיִנע האָט זיך געוואָלט אָפּרײַסן אין גאַנצן פֿון איר סאָוועטישן עבֿר. בשעת דער רעוואָלוציע פֿון כּבֿוד (Revolution of Dignity) 2013־2014 האָבן אָרטיקע קינסטלערס צענומען אַ צאָל ווערק פֿון מאָנומענט־קונסט. דער עיקר האָבן זיי צעשטערט די

סקולפּטורעלע פּאָרטרעטן פֿון באָלשעוויסטישע פֿירערס, צעשפּרייט איבע אַלע אוקראַיִנישע שטעטלעך און דערפֿער, וואָס זײַנען געוואָרן סימבאָלן פֿון די פּרוּוון צו פֿאַרטיליקן אוקראַיִנער דורך הונגערס, דעם "אויסגעהרגעטן רענעסאנס", און דעם גרויסן טעראָר. אין 2015 האָט דער אוקראַיִנישער פּאַרלאַמענט דורכגעפֿירט אַ געזעץ וואָס האָט באַטראַכט דעם קאָמוניסטישן רעזשים און זײַנע סימבאָלן ווי טאָטאַליטאַריש און האָט זיי צונויפֿגעגליכן צו נאַציס און נאַציזם.

דער סאָוועטישער עבֿר, אָבער, איז ניט געווען גרייט צו פֿאַרלאָזן אוקראַיִנע. פּוטינס רוסלאַנד האָט זיך איצט אַרײַנגעלאָזט אין זײַן באַליבטער מעשׂה וועגן דעם אויפֿקום פֿון נאַציזם, האָט זיך אָנגעטאָן די מאַסקע פֿון דעם משיחישן פֿאָלק, און איז אַרײַן מיט טאַנקען און ראַקעט־לאַנצירערס „אַדורכצופֿירן שלום”. אַפֿילו פֿאַר דער פֿולער אינוואַזיע פֿון אוקראַיִנע אין 2022 האָבן די רוסן געניצט אַ שורה פֿון איינעם פֿון די נצחון־לידער וואָס *האָט נאָר אונטערגעשטראָכן די אומווערדיקייט פֿונעם שׂונא*. “דעם 22סטן יוני, פּונקט 4 אַ זייגער, איז קיִעוו באָמבאַרדירט געוואָרן, און מע האָט געמאָלדן אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן”. אין דעם אָפֿיציעלן סאָוועטישן נאַראַטיוו, האָט דער „פֿאַשיסטישער שׂונא” כיטרע, אָן אַן אָפֿיציעלער דעקלעראַציע פֿון מלחמה און כּלומרשט אָן אַ פֿאַרוואָס אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד דעם 22סטן יוני 1941.

דעם 24סטן פֿעברואַר, אָן צו לאָזן וויסן און אָן שום סיבה, האָט רוסלאַנד גנבֿיש באָמבאַרדירט נישט נאָר קיִעוו נאָר אויך נאָך אַ פֿערציק אוקראַיִנישע שטעט וועמענס אײַנוווינערס זײַנען אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿונעם רעש פֿון די אויפֿרײַסן. הײַנט איז קלאָר ווי דער טאָג אַז מע האָט מיט גרויס פּינקטלעכקייט שוין יאָרן לאַנג פּלאַנירט דעם אָנפֿאַל. אפֿשר איז דאָס אַ נישט־קאָנטראָלירטע רעאַקציע פֿון דעם טאָטאָליטאַרישן רעזשים גופֿא צו די פּראָצעסן פֿון צעפֿאַלונג אין זײַן טויטן קערפּער.

נאָך אַ זאַך איז פּונקט אַזוי קלאָר: פֿאָרמעלע לעגאַלע אומשטענדן ווײַזן אָפֿט אָן נאָר אויף כּוונות, אָבער שפּיגלען נישט אָפּ די רעאַליטעט. דער מיטאָס פֿון דעם בלוטלאָזן און שלומדיקן צעפֿאַלן זיך פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז צעשמעטערט געוואָרן פֿון די מעשׂים פֿון דער רוסישע פֿעדעראַציע. במשך די לעצטע דרײַסיק יאָר האָט דאָס לאַנד זיך נישט נאָר אויסגעמאָלן ווי דער איינציקער יורש פֿונעם פֿסס”ר , נאָר האָט זיך אויך באַמיט צוריק אויפֿצושטעלן דעם פֿאַרבאַנד. דער אָפּזאָג פֿון די אוקראַיִנער זיי צו באַטראַכטן ווי ברידער, אַ שוועסטערלעכע רעפּובליק, אָדער „איין פֿאָלק” גראָבט אונטער רוסלאַנדס סטאַטוס און זייער עצם יסוד. דאָס נישט־קענען פֿונאַנדערשיידן מענטשלעכע פּנימער און שפּראַכן מתּוך איין שפּראַכגרופּע איז אַ טיפּישע קאָלאָניאַלע ירושה פֿון דער אוניפֿיקאַציע־פּאָליטיק וואָס איז שטענדיק באַזירט אויף פֿאַרגיסן בלוט.

אין מאַרץ האָט מען דערזען רעקלאַמע־ברעטער אין אָקופּירטן קרים מיט סטאַלינס פּאָרטרעט און ציטאַטן, ווו ער זאָגט, „אונדזער צוועק איז אַ גערעכטער, מיר וועלן דערלאַנגען דעם שׂונא אַ מפּלה. דער נצחון וועט זײַן אונדזערער”, *און האָבן אויסגעאַרבעט ווי צו באַרעכטיקן מאָדערנע אַגרעסיע פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט אַ מאָל מנצח געווען. נישט די געשטאַלטן און נישט ענלעכע ליניעס ווערן ביז אַהער באַטראַכט ווי אַ געשיכטלעכן עבֿר*. ווי מיט יעדן מיטאָס פֿונקציאָנירן זיי אָן אַן אמתדיק שײַכות צו דער צײַט: אין דער הײַנטיקער אוקראַיִנע קעמפֿט רוסלאַנד קעגן דעם קאָלעקטיוון מערבֿדיקן שׂונא — „פֿאַר רוסלאַנד” און אויך, ווי ניט איז „פֿאַר דעם פּרעזידענט”. ערשט לעצטנס אויף אַ שטאַט־אָרגאַניזירטן קאָנצערט , נאָך פּוטינס רעדע האָט דער זינגער אָלעג גאַזמאַנאָוו געזונגען אַ ליד מיט דער שורה "אוקראַיִנע און קרים, ווײַסרוסלאַנד און מאָלדאָווע, אָט דאָס איז מײַן לאַנד! סאַכאַלין און קאַמטשאַטקע, די אוראַלער בערג, אָט דאָס איז מײַן לאַנד. קראַסנאָדאַרער קאַנט, סיביר און דער וואָלגאַ־ראַיאָן, קאַזאַכסטאַן און קאַווקאַז, די באַלטישע לענדער דערצו...” דאָס איז טאַקע דאָס קול פֿון דער אימפּעריע, מיט דער ברכה פֿון דעם רוסישן פּרעזידענט. און דאָס איז אַ קאָנקרעטער באַווײַז אַז אַלע אויסגערעכנטע לענדער זײַנען אידעאָלאָגיש אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי אוקראַיִנע הײַנט. ליטווינער אָדער פּאָלאַקן וועלן אפֿשר אויפֿגעוועקט ווערן פֿון באָמבעס מאָרגן פּונקט 4 אַ זייגער, אַזוי ווי עס האָט זיך אויפֿגעוועקט גאַנץ אוקראַיִנע אין 2022 און גרוזיע אין 2008.

די אימפּעריע דערלאָזט נאָך אַלץ ניט אַז מענטשן זאָלן האָבן אַ נאָמען, אַ היים, אָדער אַ פּריוואַטע געשיכטע. קבֿרים פֿון אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן בלײַבן — אָן אַ נאָמען ווײַל רוסלאַנד זאַמלט נישט צונויף די טויטע קערפּערס פֿון זייערע אייגענע סאָלדאַטן אין אוקראַיִנע. אָנשטאָט אַ היים האָבן מיר שטעט און ראַיאָנען חרובֿ געמאַכטע פֿון רוסישע באָמבעס, מיליאָנען פּליטים און געצווּונגענע דעפּאָרטאַציע. אָנשטאָט אַן אייגענע געשיכטע האָבן מיר נאָר די פֿאַראייניקטע, אָפֿיציעלע, מליצהדיקע און אָנפּשרהדיקע געשיכטע פֿון „מײַן לאַנד".

אינטערעסאַנט וואָס די אימפּעריע האָט נישט קיין געשיכטע. אַלץ וואָס זי רופֿט אָן געשיכטע געשעעט טאַקע איצט. אין יולי 2021 האָט פּוטין געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער געשיכטע פֿון אוקראַיִנע. רוסלאַנד פֿירט איצט דורך די געשיכטע, ניצנדיק דאָס גאַנצע געווער וואָס זי האָט צו דער האַנט, און זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן האָט זי אויסגעשאָסן מער ווי 1100 מיסלען, צום רובֿ אויף ציווילע בנינים. אוקראַיִנער קעמפֿן פֿאַר דער געלעגנהייט צו רעדן פֿאַר זיך, אָנצושרײַבן געשיכטע, און צום וויכטיקסטן, צו האָבן די געשיכטע, איבערלאָזנדיק דערמיט די רוסישע אימפּעריע און דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אין אַ געוויסער מאָס קעמפֿן מיר כּדי צוריקצוגעבן דעם אומבאַוווּסטן סאָלדאַט זײַן נאָמען, זײַן נאַציאָנאַליטעט, זײַן היים און זײַן געשיכטע.